„Radomer-Kielcer Leben" 27 (317) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 11 Lipca 1930 r.

ראדאם, פרייטאג ט"ז תמוז תר"צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
אין . 60 .
נאכ'ן . 25 .

די 1-טע און לעצטע זייט אנטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 .

## וויכטיג פאר די מאנופאקטור-סוחרים פון ראדאם און אומגעגענד

דערמיט האבען מיר די עהרע צו בענאכריכטען די געעהרטע קונדען דאס פון 1-טען ליפיעץ ד. י. איז געעפענט געווארן

א קאמיסיאנס-לאגער פון די אויסארבייטונג

## שייבלער עט גראהמאן

אקצ. געזעלש. לאדז

מיט דעם גרעסטען אויסוואהל צו פאבריק'ס פרייזען וועלכע געפינט זיך

אין ראדאם, לובלינער 23 1-טער שטאק

Z poważaniem
DOM HANDLOWY
SKUPIEŃSKI i WISŁOCKI i S-ka
w Warszawie.

פערטרעטער אויף ראדאם סאבעל יוס בלומאן

חעלא פרידמאן — שלמה וואלף
ראדאם — שידלאוויעץ

## פערלאבט

ראדאם ליפיעץ 1930

צו דער פערלאבונג פון אונזער טאכטער און שוועסטער חעלא מיט ה' שלמה וואלף ווינשען מיר, אז מזל, גליק און צופרידענהייט זאלען זיין זייערע אייביגע בעגלייטער.

עלטערן, שוועסטער און ברידער פרידמאן.

Rózia Denówna — Szyja Wiener

## Zaręczeni

w Lipcu 1930 r.

צו דער פערלאבונג פון אונזער טאכטער און שוועסטער
רחל'ע מיט ה' אברהם יהושע וויענער
ווינשען מיר עביגעס גליק.

פאטער, שוועסטער און ברידער דען.

א הארצגען מז"ט אונזערע פריינד
איטשעלע זילבערשטרום מיט זיין פרוי דינה'לע
צו דער חתונה פון זייער געליבטען זוהן
הערש בונם מיט פרל' רוזשא גליקסמאן
די עלטערן אסך נחת און דעם יונגען פארל א גליקליכע צוקונפט.

לאה'טשע און מאיר הערץ.

די צוייטע וואך פרייטאג כ"ב תמוז ה. י. (18 ליפיעץ)
פאלט אויס די ערשטע יאהרצייט פון אונזער אומפערגעסליכער
בעשיידען-איידעלער פרוי און מוטער

## שפרינצע פעריל נ. ע.

אין טאג פון דער יאהר צייט וועט אויף איהר קבר ארויסגעשטעלט
א מצבה. דעגען האט מיר זענען מודיע אונזערע קרובים און בעקאנטע.

יונה גאלדבערג און קינדער.

מיין הארציגסטען ווינש צו די תנאים
פון חעלא ווערבער מיט ה' יצחק ראקאטש
זאל גליק און צופרידענהייט שטענדיג הארמאנירען אין אייער לעבען.
די עלטערן ווינש איך פיעל נחת.

הערשעל ראזענשטיין.

Z intencji zaręczyn
p. Izaaka Rakocza z p. Helą Werberówną
życzę Im wiele szczęścia, a rodzicom dużo pociechy.

*Bela Holckenerówna.*

# מאטורעס — און וואס ווייטער?

אין פיל יודישע משפחות איז איצט ששון ושמחה: די קינדער האבען געקריגען מאטורע, אבער די שמחה וועט לאנג נישט דויערען; באלד וועט אין די הייזער דערוועקט ווערען די טרויעריגע פראגע: וואס ווייטער? און ס'וועלען קומען די קליינליכע און פיינליכע דאגות.

ווען מ'פרובירט אדורכפיהרען א פאראלעל צווישען דעם אמאליגען און איצטיגען לעבען פון אונזער יוגענד אין די היגע מקומות, שאפט זיך א בילד, ווי דאס לעבען מיט אלע זיינע בעקוועמליכקייטען איז א שעהנער טרקלין, וואס האט אבער פאר זיך א גאנצע רייהע פערשלאסענע פאר-צימערן.

די אמאליגע צארישע מאכט האט אויפגעהאנגען א שלאס באלד אויף דער ערשטער טהיר: די יידישע קינדער זענען אפילו אין די אונטערשטע קלאסען פון די גימנאזיעס כמעט נישט אנגענומען געווארען. ממילא האט מען שוין פערשפארט טראכטען וועגען דעם ווייטערדיגען גאנג.

א צווייטער שווערער שלאס איז געהאנגען אויפ'ן טהיר פון די הויכשולען, וואו דער פראצענט איז געווען נאך א קלענערער. ווער ס'האט זיך שוין אבער אדורכגעריסען דורך די ערשטע שלעסער איז שוין פריי אריין אין פאלאץ פון לעבען.

היינט זענען די שלעסער פון די פאר-צימערן א סך לייזער געווארען. אויב עס איז נאך פאר אונזערע קינדער נישט גאנץ פריי דער וועג אין די מלוכה'שע נידריגע און מיטעל-שולען, האבען מיר אייגענע שולען מיט פולע מלוכה-רעכטע, מיט מאטורע רעכט.

שווערער איז שוין דער צוטריט צו דער הויכשול, טאקע דערפאר, וואס די צאל יודישע אבסאלווענטען פון דער מיטעל-שול איז זעהר גרויס, ווערט געשאפען א מין איבער פראדוקציע, וואס ס'איז שווער איהר אויסצוברענגען. אין די סאמע נוציגע און פראקטישע פאקולטעטען ווי מעדיצין און יורי איז פאר א יודישען אביטורענט גאנץ שווער זיך אריינצורייסען. מוזען טאקע טויזענטער יודישע יונגעלייט זיך ארויסלאזען איבער די אוניווערזיטעט-שטעדט פון אויסלאנד מקים זיין דעם „דרכה של תורה", לעבען אויף ברויט מיט וואסער, ביי די טראגישסטע בעדינגונגען, אבי צו געניסען פון עץ הדעת.

א גרויסער טייל פון דער יוגענד פון דעריבער בלייבען אין מיטען וועג נישט קענענדיג דערגעהן צו דער לעצטער טהיר פונ'ם לעבען-טרקלין. זיי שאפען א קלאס פון א לומפען-אינטעליגענץ, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, וואס איז אפגעריסען פונ'ם פראקטישען לעבען, נישט דערגאנגען צום אינטעלעקטועלען לעבען און ווערט לסוף פערוואנדעלט אין א ארמעע פון אונצופרידענע.

און די, וואס האבען זיך שוין אדורכגעריסען אלע שלעסער און זענען שוין געקומען אין לעבען אריין, בעקראנצט מיט'ן דיפלאם פון וויסענשאפט, בעגעגנען ערשט אויפ'ן שוועל פון לעבען די שווערסטע מניעות, דאס לעבען נעמט זיי נישט צו'ף, זייער וועג איז אויסגעזייט מיט שטעכעדיגע דערנער. ערשט נאכ'ן אדורכגעהן אלע קארדאנען דערזעהן זיי זיך ווי פערשטויסענע, פערפרעמדטע און אפטמאל פערדריסט זיי הלמאי זיי האבען זיך נאר גענומען אויפ'ן דאזיגען שווערען נישט דורכגאנגבארען וועג.

עס אזוי זעהען אויס אלע אילוזיעס וועגען גוטע קאריערעס ווי א מיראזש, ווי א חלום; וואס אין די פעולה, וואס מען לאזט אריין אין פרוזדור, און צום טרקלין לאזט מען נישט צו!

די מאטורע געהער אזוי ארום צו יענעם פאפירלעך, וואס מיר האבען ארויסגעקריגען ביי דער דעמאקראטישער ארדנונג און וואס האבען פאר דער ווירקליכקייט א קנאפע בעדייטונג.

ק.

Biuro Prośb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłumaczenie
i inne.

Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.

Informacja o zdolności kredytowej

Przepisywanie na maszynach.

Biuro czynne od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

# טאג-בוך
## פון א ראדאמער זעלבסטמערדער.

מיין ערשטע נאכט אויפ'ן דאך אין דער פויערישער כאטע איז פאר מיר געווען איבערראשעגליך. כ'האב זיך געדרעהט אויפ'ן געלעגער ווי איינער, וואס זיין גאנץ לייב איז איהם בעדעקט מיט טיפע, אייטערדיגע וואונדען. פון איין זייט האט מיך דער שלאף געמאטערט און פון דער צווייטער האט מיך געבריהט א מארגעפיהל: שלאף נישט.

וואס וועט זיין, אז כ'וועל נישט שלאפען — האב איך געטראכט רעזיגנירט — וואס וועל איך העלפען. אז צווישען פולקאווניק מיט מיין פרוי וועט זיך נעמען איבער'חזר'ן דער ראמאן פון אמאהלז.. דעמאלט האב איך געקענט מיך ווענדען; כמעט פראטעסטירען. און אין ערגסטען פאל געקענט מיין פרוי קאנפראנטירען, אדער גט'ען. אבער יעצט. וואס פאר א ברירה האב איך? כ'וועל גאר מוזען צוקוקען און שווייגען, איז דאך שוין גלייכער ב'זאל שלאפען און כמעט נישט זעהן און נישט הערען... דער צווייטער געדאנק האט געהאט רעכט. אבער מיין געפיהל איז געווען שטארקער און איך האב מיר געוואלט איינרעדען. אז כ'וועל וואך זיין וועט אפשר נישט געשעהן קיין שלעכט'ס. כ'וועל אפשר קאנען שטערען. און שטעלען זיך אין וועג... אפשר וועלען זיי זיך שעמען... ס'וועט אפשר נישט פאסען..

בין איך טאקע נישט געשלאפען און כאטש כ'האב געפיהלט, אז איך חלש פון שלאף און יעדער בעצווייגען פון מידקייט און שכרות, האב איך פארט געריבען די אויגען און נישט געלאזט זיי פערמאכען. אפשר צוויי שעה האב איך זיך אזוי געמאטערט און געראנגלעט זיך מיט מיין אייגענער אחנמאכט, כ'בין עטליכע מאהל איינגעדרימעלט, אבער כ'האב זיך אלע מאהל אויפגעכאפט און אנגעשטרענגט מיין געהער צו יענעם שפיגעל פון מיין פרוי און קינדער. אזוי דרימלענדיג בין איך איינמאהל אויפגעציטערט און מוידטע אנגסטען האבען מיך בעפאלען. איך האב פלוצלינג דערהערט הייכע טריט שארען זיך אין יענער מיטעל-שטוב און באלד דערנאך ווי עמיצער וועקט שטיל מיין פרוי: פרא, פרא, פרא — מיר האט זיך אין אנפאנג געדאכטען, אז דאס איז א חלום. עס דאכט זיך בלויז. אבער ווען כ'האב זיך אויפגעזעצט אין בעט און אריינגעשטעקט א שטיקעל קאפ אין דער שמאלע אין דער טהיר, האב איך געזעהן אין דער [illegible] גרויקייט, וואס האט אריינגעבלישטשעט דורך די פענסטער, שטעהן דעם פולקאווניק אין זיין אונטער-וועש, בארוועס, ביים בעט פון מיין פרוי, וועלכער ער קושט [illegible] און וועקט זי, [illegible] איך אויער אריין, מיין פרוי האט זיך באלד אויסגעכאפט, אנגעכאפט מיט ביידע נאקעטע הענד דעם פולקאווניק, צוגעדריקט זיין קאפ צו איהר האלז און בעדעקט איהם מיט הייסע קושען, פליסטערענדיג מיט די ליפען איוואן, איוואן. לאז יעצט [illegible], נישט יעצט כ'וועל קומען צו דיר, נישט היינט —

— איך בעט דיך, נישט יעצט. [illegible] אריין אין יענעם צימער, כ'האב אזוי לאנג געווארט און געבענקט נאך דיר, קום, פרא, קום — האט דער פולקאווניק זיך אריינגעבויגען איבער מיין פרוי און געגלעט איהרע צעפלאטערטע האר, און גליקזעליג [illegible]

## שײַבלער-גראַמאַן עפנען אַ פאַבריקס-לאַגער אין ראַדאָם.

די בעוויסטע פאַבריקען שײַבלער—גראַמאַן האָבען אין ראַדאָם געעפענט אַ פאַבריק'ס-לאַגער. די פערטרעטונג איז איבערגעגעבען געוואָרען צווײ װאַרשאַװער יודישע סוחרים, די ה"ה: בלומאַן, אַ ברודער פון היגען בעקאַנטען עירנער משה בלומאַן און ה' קאָכען.

דער לאַגער געפינט זיך אין סאַמע צענטער שטאָדט אויף לובלינער 23 אין לאָקאַל פון געװעזענעם „טורא־ס".

היינטיגען זונטאָג 1 ג. מ. קומט פאַר די ערעפנונג, אויף װעלכער ס'קומט ספעציעל אַ פאַרשטעהער פון די לאָדזער פאַבריקען.

אין דער נײַער פירמע איז אָנגעשטעלט אַ רײהע מענשען, װעלכע האָבען ביז יעצט געאַרבײט אין היגע פירמעס, װעלכע זענען צוליב'ן קריזיס ליקװידירט געװאָרען.

---

הננו משתתפים בצערו הגדול של חברנו **שמואל**

למות עליו אביו **חיים ויספורד** נ. ע.

בעבודתו בעד „החלוץ" ימצא נחומים.

**הועד והסניף „החלוץ" ברדום.**

---

## דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס א הערצליכען דאַנק

דעם ה' **אישע זילבערשטרום**

פאַר דעם אָװענד ברויט, װאָס ער האָט אײנגעצאָרדענט פאַר די קינדער פון בית-יתומים, צוליב דער האַכצײט פון זײַן זוהן.

**די פערװאַלטונג פון בית-יתומים אין ראַדאָם.**

---

Wystrzegać się naśladownictw o podobnym brzmieniu




---

צו דער פערלאָבונג

פון ה' דוד בירענצװײג

מיט פרל. פאַלאַ גוטמאַן

װינש מיר די עלטערען נחת

און דעם יונגען פאָרל א גליקליכען צוזאַמענבונד.

רבקה און לייביש

**קופערמאַן.**

---

מז"ט אונזער חבר און פרעזעס פון דרוקער-פעראײן

**בן-ציון בלייכמאַן**

צו זײַן חאַכצײט

מיט פרל' **גאַטשע חערינג**

זאָל אײער צוזאַמענבונד זײַן גליקלין' און צופרידען.

**דרוקער-פערסאָנאַל**

ביים „ראַד. קעלצ. לעבען" אין ראַדאָם.

---

צו די תנאים

פון **חעלאַ חערבער** מיט ה' **יצחק ראַקאָטש**

װינשען מזל - טוב

**לײבל זילבערשטרום, אַנוש מינצבערג.**

---

לרגלי נשואין של בן אחי המפואר מר **בונם זילבערשטרום** נ"י

עם בת גילו המפוארה מרת **שושנה גליקסמאַן** תחי'

מברכים כל בני ביתם של משפחת **דוב בעריש זילבערשטרום**

מז"ט ועתיד מזהיר, יהי רצון שאגודתכם תהי' נצחית ודרככם תהי' צולחת עדי עד,

ולכם אחי וגיסתי חנני פונה בברכה מיוחדה שתזכו לראות נחת

יפונג משאר יוצאי חלציכם עד מאה ועשרים שנה.

---

Do fabryki w Radomiu potrzebna

**praktykantka biurowa**

Pierwszeństwo dla piszącej na maszynie

Oferty pod C. T. do „Radomer-Leben"

---

— די — שענסטע **טאַפּעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאַן**

ראַדאָם, לובלינער 21

---

**GARBATKA**

**Pensjonat L. ROSENBERGOWEJ**

DLA DZIECI i MŁODZIEŻY

został z dniem 20 maja r. b. otwarty

*Rutynowana freblanka*

**Kuchnia zdrowa i rytualna**

---

## Kino dźwiękowe „ŚWIT"

Dziś i dni następnych

Wspaniały dramat cyrkowy nowej produkcji dźwiękowej Fox'a p. t.

**Czterech Djabłów**

w rolach głównych:

Janet Gaynor, Mary Dunkan, Nancy Drexel i inn.

Nad program: Dźwiękowe dodatki Paramounta

---

## LÓD SZTUCZNY

Rzeźnia Miejska rozwozi lód sztuczny

**Zgłoszenia**

na każdą ilość lodu kierować należy do Rzeźni Miejskiej, ulica Basenowa, telefon 562.

---

*Kino CORSO Teatr*

Dziś i dni następnych

— NA EKRANIE —

**HIGJENA SEKSUALNA**

NA SCENIE: przebojowa rewja p. t.

Czemu panna Honorata?

---

*Kino ODEON Teatr*

Od poniedz. dn. 7 Lipca b. r.

**Szantażyści w dancingu**

Wielki dramat salonowo - sensacyjny

W rol. gł: Mabel Poulton i inn.

—Nad— program *Tajemniczy jeździec*

w roli głównej: Jack Holt

---

Kino *NOWE CZARY* Teatr

Dziś i dn. następnych

**Miłość Beduina**

w rol. gł.: Dorothy Janis, Ben Bart

**Fanfary miłości**

w rolach głównych:

Mary Philbin, L. Barrymoore

---

**פעלדשער ה. גרינשטיין, ראַדאָם, לובעלסקאַ 30.** פרישע מאַסטערס.

Redaktor Ch. M. Here

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom, Sowaliłowska 20.